השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
ווין

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת ויצא משנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת הברית של בן הר"ר וואלף מייער הי"ו

יום ה' פרשת ויצא תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה אויף די לידה פון אלע שבטים. ווען גד איז געבוירן געווארן, האט לאה געזאגט 'בא גד ותקרא שמו גד' (בראשית ל-יא). 'בא גד' איז צוויי ווערטער, אבער אין די תורה איז עס געשריבן אייןווארט, 'בְּגָד'. פופצן פלעצער איז דא אין די תורה וואס צוויי ווערטער זענען צוזאם געשטעלט אין איין ווארט, און דאס איז איינס דערפון, בגד.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (תו"מ ד"ה בגד) זאגט א רמז דערויף, אז רש"י טייטשט אין איין פשט בגד אז ער איז נולד מהול, גד איז פון לשון שניידן, 'בא גד' ער איז שוין געקומען גע'מלטערהייט. זאגט דער חתם סופר, עס איז מעגליך אז ער איז געבוירן געווארן שבת, קומט דאך אויס די אכטן טאג דעם אנדערן שבת, אבער הנולד מהול איז מען דאך מטיף דם ברית (יו"ד רסג-ד), און מטיף דם ברית שטיפט מען אפ אויף זונטאג, מען מל'ט נישט אין שבת. קומט אויס ער איז געבוירן געווארן שבת איז געווענליך איז דער ברית דעם אכטן טאג, אבער דא איז געווען זיין ברית דעם נייטן טאג. — 'גד' איז זיבן, און בגד איז ניין. זאגט ער 'בא גד' ער איז געבוירן געווארן שבת דעם זיבעטן טאג, און זיין ברית איז געווען בגד דעם נייטן טאג, ווייל הנולד מהול איז מען מטיף דם ברית דעם נייטן טאג.

**עס** קען אפשר זיין, די גמרא זאגט דאך (שבת קנו.) אין מזל לישראל, אידן זענען נישט אונטערן מזל. תוספות (ד"ה אין) איז מסביר, אז באמת יעדער מענטש וואס ווערט געבוירן האט א געוויסע מזל וואס אין דעם מזל איז ער געבוירן, דער טאג איז גורם, די שעה איז גורם. אין די גמרא (שם) איז אויסגערעכענט אויף יעדן טאג און אויף יעדע שעה וואס די טבע פון דעם מענטש דארף צו זיין, לויט די מזל וואס ער איז געבוירן געווארן, און דאס איז דא אפילו ביי אידן אויך. ווייל די גמרא זאגט (מו"ק כח.) אז בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מילתא אלא במזלא תליא מילתא, זעהט מען דאך אז קינדער, לעבן, פרנסה, דאס איז אלעס תלוי אינעם מזל.

**וואס** דען איז טייטש אין מזל לישראל? זאגט תוס', אז א איד האט א כח צו טוישן דעם מזל. בתפלה און מיט זכותים, אפילו דער מזל איז געווען נישט גוט, קען ער עס טוישן. א גוי קען נישט טוישן. דער אויבערשטער האט גענומען אברהם אבינו 'ויוצא אותו החוצה' (בראשית טו-ה) הוציאו מחללו של עולם און ער האט געזאגט אברם אינו מוליד, אברהם מוליד. כאטשיג ער איז געווען א עקר, און שרה איז געווען אן עקרה, און על פי מזל קענען זיי נישט האבן קיין קינדער, האט דער אויבערשטער אים ארויסגענומען חוץ

מחללו של עולם דו ביסט נישט אונטערן מזל, און דו קענסט האבן קינדער (שבת שם). — כדי אז מען זאל ארויסגיין פונעם מזל, מען זאל קענען משנה זיין דעם מזל, אויף דעם איז דא די מצוה פון מילה, און דער כח איז דא ביי יעדן איד צו טוישן זיין מזל.

**שטייט** פון **מהר"ל** (ראה תפארת ישראל פרקים א-ב) אז יעדע זאך וואס האט צו טוען מיט די מספר פון זיבן, דאס האט צו טוען מיט די טבע פון די וועלט. אין זיבן טאג האט דער אויבערשטער האט באשאפן די מעשה בראשית. אכט, דאס ווייזט העכער פון טבע. מילה האט דער אויבערשטער געגעבן דעם אכטן טאג, צו ווייזן אז דורך מילה גייען מיר אונז ארויס פון די טבע פון די זיבן טאג, און דורכדעם איז אונזער הנהגה חוץ לדרך הטבע. ביי אברהם אבינו האט איהם דער אויבערשטער מוציא געווען מחללו של עולם, ווייל ער האט אים געזאגט, כאטשיג ע"פ מזל קענסטו נישט האבן קיין קינדער. אבער דו וועסט יא האבן קינדער, ממילא האט ער אים דעמאלטס מצווה געווען אויף מצות מילה וואס איז צום אכטן טאג, ווייל מילה טוט ארויסנעמען דעם מענטש פונעם מזל.

**גד** איז געבוירן געווארן, און עס איז דאך נולד מהול. אז ער איז נולד מהול קומט דאך אויס, אז תיכף ווען ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, איז ער ארויסגעגאנגען פונעם מזל פון די וועלט, און זיין גאנצע הנהגה איז געווען חוץ לדרך הטבע. מען זעהט די בני גד ובני ראובן זענען געווען יוצאי חלוץ (במדבר לב-כט), זיי זענען ארויסגעגאנגען די ערשטע אין די מלחמה, 'וטרף זרוע אף קדקד' (דברים לג-כ), ווייל דער כח פון גד איז געווען חוץ לדרך הטבע.

**'בא** גד', 'בא' האט צוויי טייטשן. 'בא' איז טייטש עס קומט, און אזוי אויך זעהט מען די וואך אין די פרשה 'כי בא השמש' (בראשית כח-יא) די זון איז אונטערגעגאנגען. 'בא' קען טייטשן אונטערגעגאנגען, און עס קען טייטשן קומען. אזוי ווי ער איז געווען נולד מהול, האט מען געזאגט 'בא גד' עס איז אוועקגעגאנגען דער מזל, געווענליך איז מען אונטערן מזל, אבער דא, איז תיכף ווען ער איז געבוירן געווארן איז ער ארויסגעגאנגען חוץ פונעם מזל, וויבאלד ער איז געבוירן געווארן גע'מל'טערהייט. און דאס איז געווען דער כח פון די בני גד שפעטער ווען זיי האבן געזיגט אין די מלחמות.

## מתוך דברי תורה בסעודה שלישית פרשת ויצא תשפ"ג לפ"ק

שנאמרו בסוף השיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת וישלח תשפ"ג לפ"ק

**די** תורה פארציילט די וואך אין די פרשה, יעקב אבינו איז געגאנגען אויף חרן, און ער איז אדורכגעגאנגען במקום שהתפלל בו אבותיו, און ער האט זיך נישט אפגעשטעלט צו דאווענען דארט, שפעטער ווען ער איז אנגעקומען אויף חרן, האט ער זיך מיישב געווען וואס האט ער געטוען, ער איז אדורך אויפן מקום שהתפללו בו אבותיו און ער האט זיך נישט אפגעשטעלט, יהב דעתיה למהדר, האט ער געוואלט צוריק גיין צום מקום המקדש, וחזר עד בית קל, וקפצה לו הארץ, נעקר הר המוריה ממקומה, און ער איז אנגעקומען אויף הר המוריה (רש"י בראשית כח-יז).

**דער** מוסר השכל דערפון איז, מן השמים העלפט מען פאר א איד ווען ער טוט וואס איז בידו, אפילו ער טוט נאר א קלייניגקייט העלפט מען אים פון הימל ער זאל עס קענען אויספירן. ווען א מענטש טוט נישט פון זיך אליין, וועט מען איהם נישט אויפוועקן פון הימל. אבער ווען עס איז פתחו לי פתח כחודו של מחט (שה"ש רבה ה-ג), ווען מען עפענט

א קליינער פתח, אז דו ווילסט פון זיך אליין, העלפט מען איהם צו פון הימל, הבא לטהר מסייעין אותו (יומא לח:).

**יעקב** אבינו גייט אדורך הר המוריה, אין הימל האט מען זייער געוואלט ער זאל זיך אפשטעלן און דארטן דאווענען, מען זעהט דאך די מראה הנבואה וואס ער האט דארט געהאט. אבער אז יעקב שטעלט זיך נישט אפ, לאזט מען אים גיין ווייטער ביז חרן. ווען יעקב איז זיך מיישב איך האב נישט גוט געטוען, איך וויל צוריק גיין אויף הר המוריה דאווענען, געשעט ניסים! נעקר הר המוריה ממקומה, און ער האט געהאט קפיצת הארץ. ער וויל אוועקגיין פון דעם פלאץ 'כי בא השמש' (בראשית כח-יא) גייט אונטער די זון ער זאל בלייבן דארטן, ווייל דארט ווי א מענטש האט אנגעהויבן צו טוען, העלפט מען פון הימל ער זאל קענען גומר זיין.

**עס** איז דא א גמרא אין מסכת שבת (י.), אז רבא האט געזעהן רב המנונא האט מאריך געווען ביים דאווענען, האט ער אים מוסר געזאגט, אין די צייט קען מען לערנען פארוואס ביסטו מאריך בתפלה. מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה?, תורה איז חיי עולם, דו געבסט אוועק חיי עולם פאר דאווענען, און דו ביסט עוסק בחיי שעה? והוא סבר זאגט די גמרא, רב המנונא האט געהאלטן, זמן תפלה לחוד, וזמן תורה לחוד, עס איז דא א זמן פון דאווענען, עס איז דא א זמן פון תורה, בזמן פון תפלה, אפילו ווען עס איז אויפן חשבון פון תורה קען מען מאריך זיין בתפלה.

**בפשטות** האט ער גארנישט געענטפערט אויף די קשיא. אוודאי איז דא א זמן פון תפלה און א זמן פון תורה, מען דארף לערנען און מען דארף דאווענען. אבער ער האט געדאווענט לאנג, ער האט מאריך געווען בתפלה, ער האט צוגעגעבן נאך א האלבע שעה צום דאווענען, און רבא פרעגט אים, די האלבע שעה קענסט דאך צוגעגעבן צו תורה אויך, דו זאלסט לערנען מיט א האלבע שעה לענגער, און דאס איז חיי עולם און דאס איז חיי שעה, פארוואס האסטו גענומען די האלבע שעה און דו האסט עס צוגעגעבן פאר חיי שעה, פאר תפלה? געב צו די האלבע שעה וואס דו ביסט מאריך אינעם דאווענען, געב עס צו פאר תורה וואס דאס איז חיי עולם? — וואס איז דער תירוץ אז ער האט געזאגט אז זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד?

**די** וועלט זאגט נאך (הובא בחוט המשולש ז:), אז דער הייליגער **חתם סופר** האט אין די יוגענט מאריך געווען ביים דאווענען, און א חבר האט אים אמאל געזאגט, דו זאלסט וויסן אז די צייט וואס דו האסט געהאט געדאווענט האב איך אפגעלערנט צוויי בלאט גמרא תוס'! מער צו ווייניגער, עכ"פ איך האב געלערנט דעמאלטס, און דו האסט עס פארפאסט. האט איהם דער חת"ס געזאגט, איך האב נישט פארפאסט גארנישט, ווייל די גמרא זאגט (ברכות נד:) אז ווען איינער איז מאריך בתפלה איז מאריכין לו ימיו ושנותיו, ווען א מענטש איז מאריך ביים דאווענען געבט מען אים צו יארן, אז איך גיי צובאקומען פאר מיין אריכת תפלה יארן צום לעבן, וועל איך אין די יארן משלים זיין וואס איך האב פארפעלט פון לערנען.

**וועלן** מיר עס צולייגן.ביידע האבן געדארפט לעבן זיבעציג יאר למשל, און איינער האט אראפגענומען פינעף יאר פאר תפלה, און דער אנדערער האט נישט אראפגענומען פינף יאר פאר תפלה, קומט דאך אויס אים פעלט פינף יאר תורה, אבער דער אויבערשטער וועט דאך אים פאר דעם מאריך זיין ימיו ושנותיו, האט ער דאך באקומען נאך פינף יאר, צי נאך צען יאר, וואס ער וועט לעבן, אז עס איז מאריכין לו ימיו ושנותיו, וועט ער ממילא משלים זיין וואס עס פעלט איהם פון זיין תורה.

**קומט** דאך אויס, ווען א מענטש געבט אוועק צייט אויף דאווענען, האט ער נישט אוועקגעגעבן פון תורה ווייל אין די צייט האט ער נישט געלערנט, ווייל פאר די צייט וואס דו האסט געדאווענט וועט מען דאך דיר מאריך זיין ימיו, וועסט דאך האבן סיי תורה און דו וועסט האבן תפלה אויך! יענער וועט נאר בלייבן לעבן זיבעציג יאר, ער וועט טאקע האבן זיבעציג יאר תורה, דו וועסט לעבן פינף און זיבעציג יאר און דו וועסט האבן זיבעציג יאר תורה און פינף יאר תפלה אויך. והוא סבר, רב המנונא האט געהאלטן, אז דאווענען ווערט נישט אראפגערעכנט פון די תורה, עס איז דא זמן תורה

לחוד, און זמן תפלה לחוד, און אויף דעם זמן תפלה וואס מען געבט אוועק צייט צום דאווענען, ווערט נשלם דער זמן פונעם זמן פון תורה אויך.

**יעקב** אבינו האט זיך נישט אראפגעשטעלט דאווענען, ווייל ער האט דאך געווען עמוד התורה, ער איז געזעסן און געלערנט 'וישכב יעקב במקום ההוא' (בראשית כח-יא וברש"י) ער איז פערצן יאר נישט געשלאפן, נאר עוסק געווען בתורה בבית מדרשו של עבר, ווער ער נישט גיין מפסיק זיין יעצט פון תורה און זיך אוועקשטעלן דאווענען, אזויווי רבא לערנט. רבא לערנט אז תורה קומט פריער פון תפלה, ווען מען איז עוסקין בחיי עולם גייט מען נישט עוסק זיין בחיי שעה. שפעטער האט ער זיך מיישב געווען אז ער האט אפשר נישט גוט געטוען, ער האט אפשר נישט געדארפט אדורכגיין א פלאץ ווי מקום שהתפללו בו אבותיו דעם פלאץ וואו זיינע עלטערן האבן זיך דארט אויסגעבעטן, און פון דארט איז ער אויסגעוואקסן, פון זייערע תפילות איז ער אויסגעוואקסן א יעקב אבינו, און איך גיי אדורך און גארנישט?, איך שטעל מיך נישט אראפ דארטן זאגן א קאפיטל תהלים אויף דעם פלאץ וואו זיי האבן געדאווענט אויף מיר? ממילא, יהב דעתיה למיהדר.

**און** ער שטעלט זיך דאווענען דארטן, און ער לייגט זיך נאכדעם צו דארט אויפן פלאץ, און ער זעהט א חלום וואס ער האט דאס קיינמאל נישט געהאט, אז דער באשעפער שטייט ביי אים, דער באשעפער זאגט אים איך וועל דיך אפהיטן, דו גייסט יעצט צוואנציג יאר אוועק צו זיין ביי לבן, איך וועל דיך אפהיטן די גאנצע צייט, איך וועל דיך צוריק ברענגען אהער! — האט ער געזעהן וואספארא כח תפלה האט! פערצן יאר זיצט ער שוין אין ביהמ"ד פון שם ועבר און ער שלאפט נישט קיין נעכט, קיינמאל נישט געהאט אזא חלום, איין תפלה וואס ער האט געדאווענט יעצט אויפן הר המוריה, און נאך די תפלה האט ער באקומען אן הבטחה פונעם אויבערשטן, "איך גיי דיך אפהיטן א גאנצע וועג פון עשו פון לבן, דו וועסט אהיים קומען", 'ויבא יעקב שלם' (בראשית לד-יח) שטייט אין די וואכעדיגע סדרה פרשת וישלח, דו וועסט אהיימקומען גאנץ. האט ער געזעהן די געוואלדיגע חשיבות פון תפילה און וויפיל מען פארדינט פון תפילה. אמת טאקע דאס איז חיי עולם און דאס איז חיי שעה, אבער פאר די חיי שעה פארדינט מען אסאך גוטע צייטן שפעטער, און עס לוינט זיך אוועקצוגעבן צייט פונעם לערנען כדי צו דאווענען, ווייל מיט דעם דאווענען, נישט נאר אז פארלירט נישט דורכדעם קיין תורה, נאר מען באקומט די הבטחה פונעם אויבערשטן אז מען זאל שפעטער מצליח זיין.

**שטייט** אין מדרש די וואך (בר"ר עד-יא), אז די צוואנציג יאר וואס יעקב אבינו איז געווען ביי לבן אין שטוב, איז ער אויך נישט געשלאפן בייּנאכט, 'וישכב במקום ההוא', און דארטן איז ער נישט געשלאפן. אבער דער מדרש זאגט, אז דארט האט ער שוין נישט עוסק געווען אין תורה ביי די נעכט, ער האט עוסק געווען אין אמירת תהלים, ער האט געזאגט די 'שיר המעלות' די צוואנציג יאר וואס ער איז געווען דארטן. ביז יעצט האט ער זיך אוועקגעגעבן נאר פאר תורה. אבער נאכדעם וואס ער האט געזעהן ביים הר המוריה וואס א דאווענען איז טייטש, האט ער שוין פון יעצט אן געטוישט און ער האט אוועקגעגעבן די נעכט צו זאגן תפילות פאר'ן אויבערשטן.

**יעקב** אבינו האט אויסגעטרעטן די וועג פאר אלע דורות, עס דארף זיין תורה און עס דארף זיין תפלה, און עס גייט נישט איינס אויפן חשבון פונעם אנדערן. אז מען דארף לערנען תורה איז זמן תורה לחוד, און אז מען דארף דאווענען דארף מען אוועקגעגעבן די צייט פאר תפילה, און מאריך זיין בתפלה.